שנה ד'
גליון פ"א

בהעלותך-שלח
תשפ"ה לפ"ק

בעזהשי"ת


# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א


גליון פנימי לאנ"ש חסידי פאפא • י"ל ע"י 'מערכת פאפא'



**מדור שיחות קודש** א

בתוכן:

**וביום השמיני ימול** / סיפורי צדיקים מוצאי שב"ק / **תורת הנסתר ברבים** / כוונת קדיש לפני כגוונא / **אמירת מודה אני** / תחנון ביום היארצייט של הצדיק / **תחנון בתפלת מנחה** / אליהו הנביא אצל ברית מילה / **ועוד**

**מדור דברות קודש** ח

בתוכן:

הכנה לזמן הגלות / **הקב"ה בוטח בבני ישראל** / זמן נעילת החג / **כבוד התורה** / הנותן ליעף כח / **המבדיל בין ישראל לעמים** / קיום עם ישראל למעלה מהטבע / **במעלת מחנות הקיץ** / הנחני בדרך אמת / **ועוד**

**מדור חסידים דערציילן** טו

**חייב אדם בכבוד חמיו** / אמירת ויתן לך / **האדמו"ר מוויזשניץ בפאפא** / ונפשי כעפר לכל תהיה


שיחת קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א עם המחותן **כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א בעת שמחת הוואכנאכט** להנין בן פרע"ח הרב יהושע כ"ץ שליט"א

**מוצאי שב"ק אחרי-קדושים תשפ"ה לפ"ק**

**מרן שליט"א**: ס'איז יעצט מוצאי שבת. ס'שטייט אין מדרש (ויקרא רבה כז, י) אז מילה איז ביום השמיני ווייל ס'דארף דורכגיין א שבת, ממילא קומט אויס אז שבת גרייט צו צום ברית מילה. די וואכנאכט איז דאך א שמירה, און שבת איז דאך אויך א שמירה, וועגן דעם דארף מען דאך שבת נישט קיין שמירה ווייל שבת אליין איז א שמירה, ממילא איז די שבת א הכנה צו די וואכנאכט, וואסביידע זענען א הכנה צום ברית.

**כ"ק מרן שליט"א צוה לשור אליהו הנביא כנהוג אצל וואכנאכט.**

**מרן שליט"א**: די וועלט זאגט נאך אז צו דערציילן מוצאי שבת א מעשה פון **בעל שם הק' זי"ע** איז א סגולה פאר פרנסה, האט **כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע** געזאגט אז די וועלט האט דריי טעותים, נישט נאר פאר פרנסה, נישט נאר פון בעל שם הק', און נישט נאר מוצאי שבת, עכ"פ דאס איז זיכער אז ס'איז כדאי צו רעדן פון צדיקים.

ס'קומט דאך יעצט די הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי. צדיקים האבן געזאגט ביים מסירת מודעה (נגד היצר הרע - ערב ר"ה) על דעת רבי שמעון בר יוחאי, על דעת האר"י הק', ועל דעת רבי ישראל בעל שם טוב ותלמידיו.

רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט (סוכה מה:) יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין, זעט זיך אויס אז מיר זענען אלע תלמידים פון רבי שמעון בר יוחאי, ווייל מ'לערנט תורה און אין תורה איז דאך דא די פנימיות התורה, אפילו אונז פארשטייען דאס נישט, ליגט דאך אבער אין די לימוד התורה די אור די לעכטיגקייט פון תורה, קומט אויס אז ווען אונז

לערנען סתם אזוי גמרא זענען מיר אויך תלמידים פון רבי שמעון בר יוחאי, ס'איז נישט קיין נפקא מינה צי אונז פארשטייען די טיפע כוונות פון רבי שמעון בר יוחאי.

ס'איז ידוע אז **הרה"ק רבי ר' זושא זי"ע** האט געלערנט מיט הרה"ק רבי ר' שמעלקא זי"ע די משנה (ברכות) מאימתי קורין את שמע, און **ר"ר שמעלקא** האט געטייטשט פשוט פשט, האט ר"ר זושא געזאגט, "ניין, פשט איז 'מאימתי' פון פארכט קורין את שמע". דאס איז אויך א חלק פון פנימיות התורה.

**הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגער זצ"ל** שרייבט אין זיינע סיפורים אז **כ"ק מרן מבעלזא זי"ע** האט אים געזאגט, "ביי אונז האט מען אפילו כגוונא געזאגט שטיל".

ביי צדיקים האט מען נישט גערעדט אזוי אפן פון זוהר, היינט פארט יעדער צו רבי שמעון בר יוחאי, און מ'רעדט פון זוהר, ס'טוט זיך אין דעם, מ'דרוקט זוהר, אמאל איז עס נישט געווען אזוי. דאס איז אויך גוט, אבי מ'דרוקט נישט אנדערע זאכן, מ'דרוקט דאך היינט צאם אלע מיני זאכן, זאל מען דאס אויך דרוקן...

**הרה"צ רבי יוסף שליט"א ראש כוללנו ב"פ**: **הרה"ק רבי חנה מקאלאשיץ זי"ע** האט געזאגט אז ס'איז מקובל פון **ערשטער בעלזער רב זי"ע** אז כגוונא ווייסט נאר דער פירוש איינער וואס איז בבחינת רואה ואינו נראה, ברענגט ער פון **הרה"ק רבי שלום מקאמינקא זי"ע** וואס האט געזאגט אז דער ערשטער רב ז"ל איז געווען אין די בחינה פון רואה


קול רנה וישועה באהלי צדיקים

פאפא

בקידה ובהשתחויה מול פני הקודש נשגר בזה ברכת מזל טוב
מעומק לבבינו, מול פני המנורה הטהורה, בוצינא קדישא, עמוד
האש ההולך לפני המחנה, עטרת תפארת ישראל, אבינו רוענו

# כבוד קדושת מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

לרגל השמחה השרויה במעון הקודש

בנישואי הנכד החתן פרע"ח **הרב שמואל ברוך** שליט"א בן לבנו הרה"צ **רבי מאיר** שליט"א דומ"ץ קהלתנו עם הכלה בת הרה"צ **רבי ארי' לייבוש טייטלבוים** זצ"ל הי"ד

ברכת מזל טוב להורים והסבים כ"ק **האדמו"ר מתולדות אברהם יצחק** שליט"א, כ"ק **הגה"צ גאב"ד וואלאווא** שליט"א, כ"ק **האדמו"ר מוויעליפאלי** שליט"א, הגה"צ **רבי נחום מאיר גערמאן** שליט"א ר"י באבוב, הרה"צ **רבי יודא פרענקל** שליט"א

ואנו תפלה שמשמחת בית צדיקים זו ישפע שפע רב לנו ולכל ישראל, וירוה כ"ק מרן שליט"א רוב תענוג ונחת מכל יוצ"ח, ונזכה עוד רבות בשנים לחסות בצל הקודש, עדי נזכה שהוא יוליכנו קוממיות לארצנו, בב"א.


## לוח השבוע

פרשת בהעלותך תשפ"ה

והגית טעלעפאן סיסטעם 718-977-5555

| | סדר א' - עמוד ליום מסכת גיטין שיעור היום | סדר א' - עמוד ליום מסכת גיטין חזרת החודש | סדר ב' - דף ליום מסכת מנחות שיעור היום | סדר ב' - דף ליום מסכת מנחות חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג | יח: | י. | קיט | קא |
| מאנטאג | יט. | י: | קכ | קב |
| דינסטאג | יט: | יא. | ב | קג |
| מיטוואך | כ. | יא: | ג | קד |
| דאנערשטאג | כ: | יב. | ד | קה |

הבחינה הבא:
זונטאג קרח
כ"ו סיון, תשפ"ה
סדר א' - עמוד ליום
בחינה
מס' גיטין דף ט"ו. – כ"ג.
חזרה בחינה
מס' גיטין דף ה. – י"ד:
סדר ב' - דף ליום
בחינה
זבחים דף קי"ג – מנחות ח
חזרה בחינה
מס' זבחים דף צה – קיב

## לוח השבוע

פרשת שלח תשפ"ה

והגית טעלעפאן סיסטעם 718-977-5555

| | סדר א' - עמוד ליום מסכת גיטין שיעור היום | סדר א' - עמוד ליום מסכת גיטין חזרת החודש | סדר ב' - דף ליום מסכת מנחות שיעור היום | סדר ב' - דף ליום מסכת מנחות חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג | כא. | יב: | ה | קו |
| מאנטאג | כא: | יג. | ו | קז |
| דינסטאג | כב. | יג: | ז | קח |
| מיטוואך שמחת בית פאפא | כב: | יד. | ח | קט |
| דאנערשטאג | כג. | יד: | חזרה | |

הבחינה הבא:
זונטאג קרח
כ"ו סיון, תשפ"ה
סדר א' - עמוד ליום
בחינה
מס' גיטין דף ט"ו. – כ"ג.
חזרה בחינה
מס' גיטין דף ה. – י"ד:
סדר ב' - דף ליום
בחינה
זבחים דף קי"ג – מנחות ח
חזרה בחינה
מס' זבחים דף צה – קיב

ואינו נראה ווייל מ'האט געזען ביי נטילת לולב פשוטו כמשמעו ווי די לולב שטייט אין די לופט.

**מרן שליט"א**: ס'איז באקאנט די מעשה אז **הרה"ק דער ראפשיצער רב זי"ע** איז געווען אין ראווא, און דער ערשטער רב ז"ל האט געשיקט די קינדער זאלן זיין שבת ביים ראפשיצער רב, האט ראפשיצער רב געזאגט פאר די קינדער אז אויב דער טאטע וואלט ווען געקומען וואלט ער געבליבן נאך א שבת. נאך שבת זענען די ערשטע רב'ס קינדער צוריקגעקומען צום טאטן און געזאגט וואס ראפשיצער רב האט געזאגט, אויב אזוי איז דער ערשטער רב געפארן שבת קיין ראווא.

פרייטאג צונאכטס פארן דאווענען האט ראפשיצער רב געבעטן פונעם ערשטן רב אז ער זאל אוועקגיין דאווענען ערגעץ אנדערש קבלת שבת, אבער דער ערשטער רב האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט, האט ראפשיצער רב געבעטן נאכאמאל, אבער דער ערשטער רב איז נישט אוועקגעגאנגען.

שפעטער האט דער ערשטער רב ז"ל מגלה געווען אז ס'איז דא א יחוד א כוונה ביי די קדיש פאר כגוונא וואס זרובבל בן שאלתיאל וועט דאס זאגן ווען משיח וועט קומען, און דאס ווייסט נאר איינער אינעם דור, און דער ראפשיצער רב האט נישט געוואלט אז דער ערשטער רב זאל דאס תופס זיין, דערפאר האט ער געוואלט אז ער זאל אוועקגיין דאווענען ערגעץ אנדערש, אבער ער האט נישט געפאלגט און ער איז יא געבליבן, זעט זיך אויס אז ער האט טאקע תופס געווען און מקבל געווען די כוונה.

*

**מרן שליט"א**: פון די אלע אגדתא גמרות ובפרט פון די מעשיות פון **רבי שמעון בר יוחאי**, איז א ראיה צו דער מנהג חסידים אז מ'דערציילט סיפורי צדיקים, מ'רעדט עובדות פון צדיקים, ס'איז כדאי צו רעדן פון צדיקים, אזויוי מ'זעט אז די גמרא דערציילט אויך סיפורי צדיקים.

**האדמו"ר מדינוב**: ס'שטייט אין פסוק (תהלים קיג, א) הללו עבדי ה' הללו את שם ה', איין פשט איז דא אז די עבדי ה' זאלן לויבן דעם אויבערשטן, אבער ס'איז דא אן אנדערע פשט הללו עבדי ה', מ'זאל לויבן די עבדי ה' די צדיקים, און נאכדעם הללו את שם ה', איז דאך דאס מפורש אין פסוק.

**מרן שליט"א**: פארוואס איז דאס פונקט מוצאי שבת?

**האדמו"ר מדינוב**: ביי חסידים האט מען געזאגט אז די חשוב'סטע זמן איז מוצאי שבת.

**מרן שליט"א**: אבער פארוואס טאקע? ווייל נאך שבת האט די סיפורי צדיקים אן אנדערע טעם. ס'איז דא א ווארט פון **ערשטן בעלזער רב זי"ע** אין פרשת בשלח אז ס'שטייט ביי די מן (שמות טז, כט-ל) וישבתו העם ביום השביעי ויקראו בית ישראל את שמו מן, דארף מען פארשטיין אז פריער שטייט דאך שוין (שם, טו) ויאמרו איש אל אחיו מן הוא, נאר פשט איז אז נאך שבת האט די מן געהאט אן אנדערע טעם, נאך שבת האט מען משיג געווען דער ענין פונעם מן.

**האדמו"ר מדינוב**: ס'קען זיין נאך א פשט פארוואס מ'דערציילט מוצאי שבת סיפורי צדיקים, ווייל סיפורי צדיקים איז אזא גרויסע מצוה אז שוין אנפאנג וואך הייבט מען אן מיט דעם, מ'טאר נישט מחמיץ זיין את המצוות (רש"י בא י, יז).

**מרן שליט"א**: סיפורי צדיקים איז א יסוד פון אמונת צדיקים, אמונת צדיקים ברענגט צו אמונה בה', ממילא מוצאי שבת איז די התחלה פון די וואך הייבט מען אן מיט אמונה[א]. פונקט ווי יעדע צופרי תיכף ווען מ'שטייט אויף הייבט מען אן מיט אמונה, מ'זאגט מודה אני לפניך מלך חי וקים, וואס דאס לויבן דעם אויבערשטן איז דאך אמונה, דאס זעלבע טוט מען אנפאנג וואך.

**הרה"צ רבי לוי יצחק שליט"א דומ"ץ בית מדרשנו ב"פ**: ס'קען זיין נאך א טעם פארוואס מ'דערציילט סיפורי צדיקים מוצאי שבת, ווייל ס'איז געווען אן ענין פון חסידים אז מ'האט ממשיך געווען א ישועה דורכ'ן דערציילן א מעשה פון א צדיק וואס ס'איז געווען אזא ישועה, און אזוי איז טאקע דער מנהג ביי א וואכנאכט אז מ'דערציילט די מעשה פון **בעל שם הק' זי"ע** איבער שמירה פאר א קינד, איז מען מיט דעם ממשיך שמירה פאר'ן קינד. מוצאי שבת שטייט דאך אין שלחן ערוך (או"ח רצו סעיף א) אז מ'מאכט א סימן טוב, מ'גיסט ווין און מ'זאגט פסוקים, איז דאך מוצאי שבת א זמן וואס מ'מאכט א סימן טוב, וועגן דעם דערציילט מען סיפורי צדיקים כדי צו ממשיך זיין ישועות.

**האדמו"ר מדינוב**: מ'האט דערמאנט 'מודה אני'. ס'איז א גרויסע פלא פארוואס מ'זאגט מודה אני נאך איידער מ'האט זיך געוואסן די הענט, אז דו גייסט לויבן דעם

**א.** ויצויין מה שמובא בספר סדר מלוה מלכה להגה"צ אב"ד בערזשאן שליט"א (עמוד רעט) בשם הרה"ק רבי אברהם שלום מסטראפקוב זי"ע, שבמוצאי שבת יש ענין לספר גם אודות צדיקים שעודם חיים אתנו לאורך ימים ושנים טובים.

אויבערשטן וואס שאדט עס דיר צו אפגיסן די הענט און זאגן מיט ריינע הענט מודה אני?

**מרן שליט"א**: ס'איז א בחינה פון השוכן אתם בתוך טומאתם (ויקרא טז, טז).

**חדב"ן הרה"צ רבי אהרן כ"ץ שליט"א אב"ד תולדות אהרן**: דער קיצור שלחן ערוך (סימן א סעיף ב) ברענגט ומיד כשיעור משנתו יזכור חסדי ה' יתברך שמו אשר עשה עמו וכו', ס'קוקט אויס ווי ער וויל מדגיש זיין אז ווען דעם זאגט מען תיכף מודה אני כדי מ'זאל קענען מקיים זיין דעם 'ומיד כשיעור' זאל מען דאנקען דעם אויבערשטן.

*

**מרן שליט"א**: ס'קומט די וואך גרויסע יארצייטן רבי שמעון בר יוחאי, **הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע**, און קומענדיגע זונטאג איז די יארצייט פון **הרה"ק רבי מאטעלע טשערנאבילער זי"ע**.

**האדמו"ר מדינוב**: ס'איז די יארצייט פון דער מאגלעניצער רבי **הרה"ק רבי חיים מאיר יחיאל זי"ע**.






**הרה"צ רבי יוסף**: ס'קומט אויך די יארצייט פונעם נודה ביהודה י"ז אייר. ס'איז ריכטיג אז אין בעלזא האט מען נישט געזאגט לשם יחוד די טאג פונעם נודע ביהודה'ס יארצייט?

**מרן שליט"א**: דאכט זיך אז ס'איז געווען אזוי איין מאל, אז מ'האט באמערקט אז דער רב ז"ל האט נישט געזאגט לשם יחוד פאר ספירה ציילן, אזוי האב איך געהערט [ב].

*

**האדמו"ר מדינוב**: וויאזוי האט זיך דער טאטע **כ"ק מרן זצוק"ל** געפירט לגבי תחנון ביי יארצייטן פון צדיקים?

**מרן שליט"א**: סתם אזוי האט מען געזאגט תחנון, נאר וואס דען? אין בעלזא האט מען געמאכט א סיום; צוליב די יארצייט האט מען געמאכט א סיום כדי ס'זאל זיין אויסגעהאלטן על פי הלכה [ג]. אבער דאס האט מען נישט געטון ביי סתם א יארצייט, נאר ביי געציילטע יארצייטן [ד].

**האדמו"ר מדינוב**: דער טאטע האט געזאגט תחנון ביי זיין טאטנ'ס יארצייט?

---

**ב.** בכתבי הגה"ק מבילגורייא זצ"ל מובא: המשמש זלמן הופמן סיפר לי, כי כ"ק אחי שליט"א אמר לו פעם: "אל תתפלא שאני נוהג היום בקולא זו, רק כיון שהיום היארצייט של גדול פלוני שמקל בדבר זה, לכן אף אני - ביום היארצייט של פלוני - מקל בכך", ואמר לו כ"ק אחי שליט"א בבל יאמר, ואחר כך שכח את הענין שבו היה לקולא. והנה נזכרתי שפעם אחת בבעלזא בשעת ספירת העומר התחיל כ"ק אחי שליט"א מיד את הברכה ולא אמר תחילה לשם יחוד, ואחר כך נודע שבאותו יום חל היארצייט של בעל הנודע ביהודה זצ"ל, והבינו למפרע שמטעם זה לא אמר לשם יחוד לפני ספירת העומר, כיון שדעת הנודע ביהודה שלא לאמרו. (הועתק באור הצפון צה).

**ג.** הגה"ח ר' יצחק דוד הכהן פריעדמאן ז"ל ראה"כ כותב (יד כהן - רשימות אות רפב): כ"ק אדמו"ר זצ"ל סיפר לי שביארצייט הראשון של כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע בכ"ז אלול רצה בנו כ"ק מהר"י זי"ע לומר תחנון, והחסידים מיאנו מלאומרו, ואמר כ"ק מרן מהר"י זי"ע שאם תרצו שלא לומר תחנון אז תסיימו כל שנה מסכת ובאופן זה איני אומר, ומאז נעשה למנהג לסיים כל שנה ואין אמרים תחנון.

**ובכתבי** הגה"ק מבילגורייא זצ"ל מובא: שמעתי מפי כ"ק אחי שליט"א טעם הדבר שאין אומרים תחנון ביום שיש בו יארצייט, כיון שעושים ביום זה סיום מסכת וסיום משניות. ואמר עוד, כי עיקר הטעם שעושים סיום מסכת ביום היארצייט הוא, כיון דאיתא ברמ"א (יו"ד סימן תב סעיף יב) שיש להתענות ביום שמת בו אביו או אמו, ולכן עושים סיום מסכת כדי שלא יצטרכו להתענות, אבל ישנו טעם נוסף כנ"ל, כדי שלא יאמרו תחנון ביום זה. (הועתק באור הצפון נב).




**ד.** ראה מה שכתב הגה"ח ר' יצחק דוד הכהן פריעדמאן ז"ל ראה"כ (יד כהן - רשימות אות רלג): רגיל [כ"ק מרן ז"ל] לומר תחנון אף ביום יארצייט של צדיקים, אף שהדליק נר לטובת נשמתם, חוץ מאיזה צדיקים זי"ע. פעם אחת אמר לי שהוא נגד רצונו שהש"ץ יסתכל עליו אי לומר תחנון ביום היארצייט.

**כהיום** עושים סיום ואין אומרים תחנון באלו היארצייטן: י"ט כסליו יארצייט של הרה"ק הרבי ר' בער זי"ע, ב' אדר יארצייט של כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע, כ"א אדר יארצייט של הרה"ק הרבי ר' אלימלך זי"ע, ה' אב יארצייט של האר"י הק' זי"ע, ז' אב יארצייט של כ"ק מרן הערוגת הבשם זי"ע, י"ג אב יארצייט של כ"ק מרן זצוק"ל, כ"א אב יארצייט של כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע. (כפי עדות הגה"ח ר' יצחק דוד הכהן פריעדמאן ז"ל ראה"כ, נהג מרן ז"ל בשנים קדמוניות לעשות סיום ולא לומר תחנון גם בהיארצייטן של כ"ק מרנן אדמור"י בעלזא זי"ע, והרה"ק משינאווע זי"ע).

**מרן שליט"א**: בדרך כלל האט מען זיכער געמאכט אז ס'זאל זיין א סיום, און א סיום וואלט ער זיכער יא געזאגט תחנון[ה].

**האדמו"ר מדינוב**: **הרה"ק דער מנחת אלעזר זי"ע** האט געזאגט תחנון ח"י טבת יארצייט פון **הרה"ק הבני יששכר זי"ע**, אפילו ער איז געווען אן אייניקל בן אחר בן[ו].

---

**ה.** ראה שיחות יקרות ויחי יוסף (מדור תחנון): ביום ז' אב התפלל מרן רבינו לפני העמוד לכבוד יומא דהילולא של זקינו מרן הערוגת הבשם זי"ע. אחר שמונה עשרה רצה מרן רבינו לומר תחנון, ואמר לו האדמו"ר מפאלטישאן: "במנין הראשון שבו התפללתי לא אמרו תחנון", והמשיך לומר: "הלא יש סיום מסכת בקעמפ" (ומרן רבינו נסע ביום זה לקעמפ), ענהו מרן רבינו: "עיר אחרת", אולם למעשה נתרצה רבינו לדעתו ולא אמר תחנון.

**ויצויין** מה שאמר פעם כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אחר תפלת מנחה בט"ו תמוז יומא דהילולא של האור החיים הק' זי"ע (שכידוע מרן שליט"א מקושר מאוד לספר הק' אור החיים): "דער אור החיים הק' וועט זיכער נישט ברוגז זיין אז מ'זאגט תחנון אין זיין יארצייט", והאריך מרן שליט"א בהנחיצות לעשות נחת רוח ולנצל יארצייט של צדיק באופן הראוי והוא להגות בדברי תורתו.

**וראה** בספר הליכות שבט הלוי (עמוד קיב), שפעם בשיחת מוסר לבני הישיבה אמר הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל, שמעתי שיש תלמידים שרוצים שלא לומר תחנון מחר ביומא דהילולא של הרה"ק הרבי ר' אלימלך זי"ע, ושאל, מי שיכול לחזור על הצעטיל קטן בעל פה יקום נא ויאמר, ולא קם אף אחד, אז פתח ואמר כל הצעטיל קטן בעל פה, ואחר כך אמר, תדעו כי גם אני חסיד של הנועם אלימלך, אך לא בזה שלא אומרים תחנון מקיימים היארצייט, אלא על ידי שיושבים ולומדים את הצעטיל קטן בהתעוררות והתלהבות ובדמעות שליש, ואחר כך מבקשים כל משאלות הלב.

**ו.** ראה מה שכתב הרה"ק ממונקאטש זי"ע בדברי תורה (מהודרא תליתאי אות פג): הנה בדבר התחנון אשר נהגו (מהמתכנים בשם חסידים) להקל כל כך בלי טעם וריח, עד שמביא לידי גיחוך, ובפרט מה שאומרים בכל יום ויום כמעט שהוא יארצייט של צדיק פלוני או פלוני, הוא דבר המביא לידי צחוק מכאיב הלב ומרה, כי הלא אין לך כל יום ויום שאין בו הרבה יארצייטן מנביאים ותנאים ואמוראים המה ותלמידיהן לאלפים ורבבות, ובעל כרחך כל יומא ויומא זמניה דהסתלקותם, ואם כן למה תיקנו כלל רבותינו הפוסקים הלכות נפילת אפים, וגם בספרים קטנים שנדפסים בזה כמו 'הילולא רבא דצדיקייא' וכיוצא בשמותם, ובפרט בספר 'דבר יום ביומו' נמצא לכל יום ויום הרבה יארצייטן מגאונים וצדיקים ז"ל ראשונים ואחרונים. ונמצא אם בוחר לו איזה צדיקים גם במספר עשרים או שלושים או יותר, אשר רק אותם בחר שלא לומר תחנון ביום פטירתם דהוי הילולא לגביה, אם כן הוא מוציא לעז על צדיקים הראשונים שאינו מחשיב יום פטירתם להילולא וכדאמרינן בכתובות (קג.) שלא להוציא לעז על צדיקים הראשונים עיין שם. ואם נאמר שלא יאמר באמת תחנון לעולם, הרי זה מבטל ועוקר סימן שלם והלכה שלימה בשלחן ערוך אורח חיים וכנ"ל, וגם בכתבי האר"י ז"ל.

ס'איז א גרויסע פלא פארוואס ס'זענען דא אסאך וואס זאגן נישט קיין תחנון ביי יארצייטן פון צדיקים, ווער בין איך צו זאגן, אבער איך האלט אז די צדיקים האבן נישט קיין הנאה דערפון... פארוואס? ווייל צדיקים ווילן אז אידישע קינדער זאלן תשובה טון, און תחנון איז דאך מודה על האמת וחרטה על העבר, מ'זאגט אשמנו בגדנו וכו', און דאס איז דאך תחלת התשובה, און פונקט ביים יארצייט פון א צדיק וואס דער צדיק האט כל ימיו געארבעט אז מ'זאל תשובה טון, גייט מען און מ'זאגט נישט קיין תחנון?

**מרן שליט"א**: מ'קען ממליץ זיין זכות אויף די פלעצער וואס מ'האט נישט געזוכט צו זאגן תחנון, ווייל ס'איז דא א חשש פון וידוי פה, מ'זאגט דאך (יום כיפורים) על חטא שחטאנו לפניך בוידוי פה, מ'האט נישט געהאלטן אז מ'קען יעדן טאג זאגן וידוי. דאס איז אויך געווען דער ענין פארוואס מ'האט ביי חסידים נישט געמאכט קיין תיקון חצות בקביעות, און נאך אזעלכע זאכן.

דער טאטע ז"ל האט איינגעפירט אז ביי מנחה הייבט מען אן תחנון פון נפילת אפים, דאס איז געווען זיין אייגענע הכרעה, ווייל ביי די אשכנזים זאגט מען קיינמאל נישט וידוי נאר אלול-תשרי ביי סליחות, אדער ביי געוויסע זמנים, אבער סתם אזוי זאגן זיי נישט קיין וידוי. ביי מנחה איז ווידער דא מנהגים וואס מ'זאגט בכלל נישט קיין תחנון, אין דעם אליין איז דא פארשידענע טעמים און ענינים, צי ווייל בדרך כלל דאווענט מען נאך די שקיעה, עכ"פ האט דער טאטע ז"ל געמאכט א פשרה אז ביי מנחה האט ער נישט געזאגט קיין וידוי נאר נפילת אפים.

**האדמו"ר מדינוב**: אויב ער האט געדאווענט נאכ'ן שקיעה האט ער אויך געזאגט תחנון?

---

**ועיין** עוד מה שכתב שם אות מו: ואאזמו"ר הקדוש [בעל שם שלמה] זי"ע מפה קהלה רגז ושחק על המחסרים תחנון וי"ג מדות ביום יארצייט של צדיק, יהיה מי שיהיה, כי אין לך יום שאין בו הרבה יארצייטן מקדושי עליון הראשונים ז"ל וכנזכר לעיל מילתא בטעמא. אולם באותה עיר אשר מונח הצדיק, ביום היארצייט שלו שמתכנסין מקרוב ומרחוק על קברו, וזהו נקרא יומא דרגל"א בדברי רז"ל ורש"י (סוף יבמות) כנ"ל, על כן אין אומרים תחנון בו בבחינת מוע"ד ורג"ל בעיר אשר בו חלקת מחוקק ספון. [וליתר שאת נהגנו מכ"ק אאמו"ר הקדוש [בעל דרכי תשובה] זי"ע ביום דהילולא של אביו אאזמו"ר הרב הקדוש מוהר"ר שלמה זי"ע אב"ד פה קהלה, עושים סיום מסכת בחבורא ש"ס, והוא בדברי רז"ל בסיום מסכת 'עבידנא יומא טבא לרבנן', כדאמרינן בשבת (קיט.), ועיין בשלחן ערוך יורה דעה (סימן רמו סעיף כו) ובש"ך שם (סקכ"ז), ואמרו רבנן בכפילא בזה יומא טבא וגם יומא דרגלא].

**מרן שליט"א**: ניין, אויב האט מען געדאווענט שפעט נאכ'ן שקיעה האט מען בכלל נישט געזאגט קיין תחנון, אבער פאר די שקיעה האט מען אנגעהויבן פון נפילת אפים.

**האדמו"ר מדינוב**: ווען האט דער טאטע געדאווענט מנחה יעדן טאג?

**מרן שליט"א**: על פי רוב איז אויסגעקומען אז מ'האט געדאווענט שפעט נאכ'ן שקיעה.

**האדמו"ר מדינוב**: אז מ'דאווענט ביי מנחה גדולה זע איך נישט דער היתר נישט צו זאגן קיין תחנון. דער בני יששכר פלעגט דאווענען יעדן טאג מנחה גדולה און ער האט געזאגט תחנון.

*

**מרן שליט"א**: ס'איז דא א מימרא פון **הרה"ק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע**, אז אליהו הנביא קומט טאקע צו יעדע ברית, אבער ער האט פארשידענע שליחים, אבער ווען אונז זענען ביי א ברית קומט אליהו הנביא אליין, וויבאלד אנדערע געבן ביי כוס של אליהו ראזשינקע-וויין, און מרדכי'לע געבט געהעריגע וויין[ז].

**האדמו"ר מדינוב**: דאס קינד דער רך הנימול איז טאקע אן אייניקל פון ר"ר מרדכי'לע, מיין שוויגער איז אן אייניקל פון ר"ר מרדכי'לע[ח].

וויין בימים ההם האט געקאסט אסאך געלט.

**מרן שליט"א**: אין גאליציע אז נישט געווען צו באקומען קיין וויין.

**האדמו"ר מדינוב**: ס'איז א פלא וואס כ'האב געזען אינעם ספר בעל שם טוב על התורה, אז דער בעל שם הק' האט גענוצט ביי א ברית 'מעד' און נישט קיין וויין, דאס איז א פלא.

**מרן שליט"א**: ס'קען זיין אז ס'איז נישט געווען כסדר אזוי, נאר ס'האט זיך געמאכט אזוי, ווייל מ'האט נישט געהאט פונקט וויין וואס איז געווען הונדערט פראצענט אפגעהיטן, האט ער וועגן דעם גענוצט מעד.

ביי חסידים אין גאליציע פלעגט מען צו שטעלן 'מעד' ביים טיש, ס'איז נישט געווען קיין אפגעהיטענע וויין אזוי־ווי עס דארף צו זיין, וועגן דעם האט מען אויך געמאכט ראזשינקע-וויין.

**כ"ק מרן שליט"א טעם מיי"ש ואיחל לאבי הבן:**

דער אויבערשטער זאל העלפן די ברית זאל זיין בעתו ובזמנו, מ'זאל מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים, מ'זאל זען דורות ישרים ומבורכים געזונטערהייט, און זען שמחות שטענדיג.

**שרו ניגון שמחה, הקהל עבר לברכת לחיים. ואיחל מרן שליט"א:**

כל טוב, זייטס אלע געזונט.

**כ"ק מרן שליט"א נכנס בחדר לבקר הרך הנולד, קרא קריאת שמע, ואיחל מזל טוב לבני המשפחה.**

---

**ז.** ראה מה שכתב חדב"ן הגה"צ רבי משה לייב כ"ץ זצ"ל הי"ד בספרו ויגד משה (פסח - סימן ל אות ב): מעשה רב שסיפר לי אאמו"ר הגה"ח שליט"א [הגה"צ רבי אשר אנשיל כ"ץ זצ"ל הי"ד אב"ד סערדאהעלי], איך שהרה"ק מו"ה מרדכי מנאדבורנא ז"ל נתעכב פעם על פי סיבה בעיר טשענגער על שבת קודש, ונתאכסן אצל אא"ז הרב מו"ה יונתן בנימין כ"ץ ז"ל שהיה תלמיד חכם וירא שמים נלהב, ואא"ז ז"ל החזיקו בכבוד ועשה לו קורת רוח מאוד באיזה דבר (ואכמ"ל בפרטי המעשה), וכשברכו ברכת הפרידה אמר בתוך הדברים, הלא אתם מוהל והעולם אומרים שאליהו זכור לטוב בא לכל ברית מילה, ואמר על זה שאין כן, לזה צריך זכותים והבעל ברית והמוהל והסנדק צריכין להיות יראי ד' שיזכו לזה [ומרומז כן בדרכי משה יורה דעה סימן רסד ס"ק ג], אך בברית שאני הסנדק שם בא תמיד.

**ופעלתי** על זה על ידי שבימי נעורי שהייתי עני מאוד והתגוררתי בפוילן שאין מצוי שם יין, ולוקחים יין צימוקין לד' כוסות, ופעם בליל פסח הרהרתי בדעתי, היות שיש לנו הזכיה שאליהו זכור לטוב בא לביתנו פעם א' בשנה בליל פסח אין נאה לכבדו בכוס יין צימוקין אלא צריכים לכבדו בכוס יין משובח, וגמרתי בדעתי שמהיום והלאה אראה ליקח לכוס של אליהו כוס יין משובח, ומאז התחלתי לקבץ לקמצים פרוטה אחר פרוטה במשך השנה וממש שהוצרכתי לקמץ במאכלים שאכלתי כי הייתי בדחקות גדול, עד שסמוך לפסח כבר היה לי סכום הגון, וקניתי כוס יין טאקא"י היותר משובח לכוס של אליהו, על כן הוא עושה לי גם כן חטיבא שבמקום שאני סנדק, שם בא תמיד אליהו זכור לטוב, כן סיפר בעצמו וזי"ע.

**ח.** כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א חתן הגה"צ רבי בן ציון פרענקל זצ"ל אב"ד וויעליפאלי, חתן הרה"ג ר' שלמה בערגמאן ז"ל, חתן הרה"ק רבי ישכר בערטשע מסאטמאר זי"ע בנו של הרה"ק רבי מרדכי'לע זי"ע.

# דברות קודש

## אצל שלחן הטהור נעילת החג

**מוצאי חג השבועות תשפ"ה לפ"ק**

### הכנה לזמן הגלות

רב יוסף ביומא דעצרתא אמר עבדי לי עגלא תלתא אמר אי לאו האי יומא דקא גרים כמה יוסף איכא בשוקא (פסחים סח:). והענין צ"ב, ובודאי אין הכוונה כפשוטו.

ויל"פ בהקדם על מה שפירש **כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע** (פ' אמור ד"ה וקראתם) על פי מה שהקשה המגן אברהם (או"ח סימן תצד סק"א) היאך אנו אומרים בשבועות זמן מתן תורתנו הלא התורה ניתנה ביום נ"א לספירה, ותירץ בשם הרמ"ע מפאנו שבא לרמז לנו יום טוב שני של גליות.

והכוונה בזה על פי מה דאיתא בגמרא (פסחים פח.) ויתיצבו בתחתית ההר אמר רב אבדימי בר חמא בר חסא מלמד שכפה הקדוש ברוך הוא עליהם את ההר כגיגית ואמר להם אם אתם מקבלים התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם, והקשה התוספות למה הוצרכו לכך הלא כבר הקדימו נעשה לנשמע. וי"ל שהכפיית הר כגיגית היה קנין חופה, והקב"ה צופה ומביט עד סוף כל הדורות גלוי וידוע לפניו שלא יתקיימו תמיד בגלות במדריגה זו של נעשה ונשמע, וכדי להראות לבני ישראל שלא ידאגו פן חס ושלום יבא זמן שח"ו לא יהיו נקראים סגולתו של מקום, לכן עשה בהם קנין חופה, וקיימא לן (נדרים ט.) אין חופה לזמן, וזהו אם אתם מקבלים התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם, היינו בגלות, ולכן הקדים להם קנין חופה כהכנה לזמן הגלות.

וזהו הענין מה שהוסיף משה יום אחד מדעתו (שבת פז.) לרמז לנו על יום טוב שני של גליות, שמשה רבינו צפה והביט על ישראל בגלות והבין שיהיו במדריגה נמוכה באופן שלא יכינו עצמם כדבעי בימי הספירה לקבל הארת זמן מתן תורתנו וחשש מאוד לטובת ישראל, על כן הוסיף יום אחד מדעתו ובזה הפסיק עבודת ימי הספירה מזמן מתן תורתנו, שאף אם ישראל לא יכינו עצמם בימי הספירה לא יאבד מהם הארת זמן מתן תורתנו, כי בעיצומו של יום הקדוש ראוי להרגיש הארת זמן מתן תורה. וזהו מה שתירץ במגן אברהם מה שאומרים ביום נ' לספירה זמן מתן תורתנו, שבא לרמז לנו על יום טוב שני של גליות, אתד"ק אא"ז ז"ל.

### הקב"ה בוטח בבני ישראל

אמנם נעמיק יותר בענין זה, הלא במגן אברהם לא תירץ רק מדוע עושים יום טוב ביום נ"א לספירה, ועדיין לא נתיישב היאך אנו אומרים ביום נ' לספירה זמן מתן תורתנו, בעת שבפועל ניתנה התורה ביום נ"א לספירה.

וי"ל על פי מה דאיתא בירושלמי (ראש השנה א, ב) שהקב"ה מקיים כל מצוות התורה, ובמשנה איתא (אבות ב, טז) לא עליך המלאכה לגמור, שיהודי לא יחשוב חשבון אם יגיע בפועל לשאיפותיו רק יתחזק ויעבוד את השי"ת ויעשה את שלו כי לא מוטל עליו לגמור המלאכה, נמצא שגם הקב"ה מקיים חשבון זו, והקב"ה רצה ליתן התורה לישראל ביום ו' סיון, ומשה רבינו הפסיק זמן מתן תורה מימי הספירה ולכן


# מערכת 'קול פאפא'

בלב מלא רגש ושמחה אנו מגישים ברכת מזלא טבא מול פני אחד האריות שבחבורה, ידידנו הנחמד, איש הציבור ורב הפעלים לתורה וחסידות, עומד תמיד מוכן ומזומן בכל עת ועונה לשרת קהל אנ"ש עם מסירות נפלאה עד להפליא, לילות כימים שמים למען שיגשוג והצלחת כל בית פאפא, ה"ה

**העסקן הנמרץ לכל קדשי בית פאפא**

הר"ר **חיים זאב ווייס** הי"ו

לרגל שמחת נישואי בנו החתן החשוב שלמה נ"ו מבחירי תלמידי ישיבתנו הק' מתיבתא קרית פאפא עם בת הר"ר יוסף קלמן גאלדבערגער הי"ו מחשובי אנ"ש

יתן השי"ת שאך ששון ושמחה ישמע תמיד באהלו, וממעון הברכות ישפיע אליו חסדו, כל המזכה את הרבים משפיעים עליו כל טוב על ידו, וה' יריק עליו כל ברכתו וטובו, יצו ה' את ברכתו, יהי ה' בעזרו, ירחיב ה' את גבולו, לכל הנלוים אליו ולבני ביתו, ותחזינה עינינו בשוב לציון שכינתו, ומלכנו בראשנו אמן ואמן.

**המברכים והמשבחים:** דוד גרינוואלד, יעקב יוסף וועבער, ישכר דוב מאנדל, מנחם מענדל ראזענבערגער **בשם אלפי אנ"ש ברחבי תבל**

דחה זמן מתן תורה ליום המחרת, אולם הקב"ה כביכול עדיין השתוקק מאוד ליתן התורה לישראל ביום ו' סיון, ולכן כביכול פתח את המשניות וראה כתוב שם לא עליך המלאכה לגמור, ואז אמר לעצמו "זארג דיר נישט, דיינע טייערע אידישע קינדערלעך וועלן נאך מקבל זיין די תורה", ומסר הכח ביד חכמים להוסיף על התורה, ובזה קיים את דברי המשנה לא עליך המלאכה לגמור.

נמצא שהיתה לו להקב"ה השתוקקות ליתן התורה ביום ו' סיון, ומהשתוקקות זו נשאר רושם על יום זה, ולכן אנו אומרים ביום ו' סיון זמן מתן תורתנו. ובזה נתיישב מה שתירץ במגן אברהם לרמז על יום שני של גליות, שלפי שמשה רבינו הוסיף יום אחד משום יו"ט שני של גליות כדברי אא"ז ז"ל בערוגת הבשם, ובאמת היתה לו להקב"ה השתוקקות ליתן התורה ביום ו' סיון, ולכן נשאר רושם של הארת מתן תורה ביום ו' סיון.

וזהו מה שאמר רב יוסף אי לאו האי יומא כמה יוסף איכא בשוקא, היינו יום זה שמשה רבינו הוסיף מדעתו, האיר לכל הדורות ההארה של זמן מתן תורתנו גם ביום ו' סיון על ידי השתוקקות של הקב"ה.

## זמן נעילת החג

וואס האבן אונז דא צו טון? סתם זאגן פשעטליך און דרשות? מ'קען זאגן תורה, אבער ס'דארף זיין ללמוד וללמד לשמור ולעשות, מ'דארף זען וואס אונז נעמען אהיים פון דעם יום טוב.

ס'איז יעצט נעילת החג, מ'דארף איינבינדן דעם יום טוב, ס'שטייט דאך (סוכה מה:) כל העושה איסור לחג באכילה ושתיה מעלה עליו הכתוב כאילו בנה מזבח והקריב עליו קרבנות, פשוט פשט גייט עס ארויף אויף די קרבנות וואס מ'איז מקריב, און שבועות איז די אסרו חג הארבער און מ'טאר נישט פאסטן אסרו חג, ווייל אויב שבועות איז געווען שבת האט מען מקריב געווען די קרבנות אסרו חג (שו"ע או"ח סימן תצד סעיף ג' ובמגן אברהם שם סק"ג). אבער דער ענין פון אסרו חג איז אויך מלשון קשר, אז מ'דארף איינבינדן דעם יום טוב, מ'דארף עס מיטנעמען ווייטער.

## כבוד התורה

דאס ערשטע דארף מען וויסן דער ענין פון כבוד התורה. כבוד התורה הייבט זיך אן אז מ'דארף מכבד זיין די אייגענע תורה, מ'דארף וויסן די חשיבות פון יעדע בלאט גמרא, די חשיבות פון יעדע בחור'ל וואס לערנט, די חשיבות פון לערנען יעדן טאג די שיעור.

כ'וועל אויסשמועסן א משל וויאזוי ס'קוקט אויס ווען איינער וויל ערלעדיגן עפעס וויכטיג אין די צייט פון זיין שיעור. אויב איינער האט אפגעשמועסט מיט א מיליאנער אדער א פאליטישען וואס קומט דא ספעציעל פאר דיר, און דו וועסט נישט אנקומען ווייל דו האסט עפעס א וויכטיגע זאך צו ערלעדיגן, וועט ער זיך דאך באליידיגן ווייל דו ווייזט אים אז יענער איז וויכטיגער ווי אים.

דאס דארף מען וויסן ביים לערנען תורה, מ'דארף אפגעבן כבוד פאר די תורה און ווייזן אז ס'איז גענוג וויכטיג פאר דיר.


בלב נרגש וברגשי הכרה ותודה, משגרים אנו בזה כסא דברכתא, וברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מול ידידנו וידיד כל נפש חי, עושה ומעשה בכל לב ונפש להביא אורה ושמחה בבתי אנשי שלומינו, ה"ה

העסקן הרב **ישכר דוב מאנדל** הי"ו

שדכן נאמן בקרב אנ"ש

לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב

בזכות הסיוע והעזר להקמת בתים נאמנים בישראל, יהא רעווא שיזכה לגדלה לתורה לחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויתגדל לאילנא רברבא, בביאת בן דוד גואלנו, ומלכנו בראשנו בב"א.

**המכירים פעולתיך הנשגבות**
**ארגון גשר לקשר דחסידי פאפא**

גשר לקשר
א בריק צום קשר של קיימא

אזוי אויך ווען ס'קומט צו קריאת התורה דארף מען אפגעבן כבוד התורה, און מ'דארף זיין נזהר נישט צו רעדן בשעת קריאת התורה, וואס פון ווען מ'עפענט די ספר תורה טאר מען נישט רעדן. מ'רעדט נאר דא פון ממש יחידים, אבער מאכן קרעמלעך בשעת'ן ליינען?! נעכטן האסטו געטאנצן והערב נא און נעשה ונשמע און נאכדעם מאכסטו קרעמלעך ביים ליינען? דאס איז דאך נישט קיין כבוד התורה!

## הנותן ליעף כח

ס'שטייט אין די גמרא (קידושין ל:) בראתי יצר הרע ובראתי לו תורה תבלין כנגדה, דער תבלין דארף מען דאך נוצן, פונקט ווי מ'געבט פאר איינעם א מעדעצין און מ'לייגט עס אוועק, וואס טאמער מ'נוצט עס נישט קען עס גארנישט אויפטון.

מ'דארף וויסן אז דער יצר הרע איז נישט געשטארבן, כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו (סוכה נב.), היינט ביינאכט אדער מארגן קומט ער שוין און ער מאכט טראכטן "איך האב נישט קיין כח, איך דארף מיר אפרוען", ס'פאסט נישט צו זאגן אבער מ'קען הערן פון שוואכערע אידן זיך אויסדרוקן, "ס'איז א פרעשור, איך דארף שוין וויקעישן", אבער אונז ווייסן אז אדרבה אדם לעמל יולד (איוב ה, ז), ווילסט דען שוין גיין אין מושב זקנים?!

מ'דארף וויסן אז דער אויבערשטער געבט כח, הנותן ליעף כח, מ'זעט אז אידן זענען געווען אויף די ערשטע נאכט שבועות און דער אויבערשטער האט געגעבן כח... אידן האבן כח. בכלל יעדן טאג ווען דו האסט יא כח דארפסטו דאך אויך צוקומען צום אויבערשטן, אויב אזוי פארלאז דיר אויפ'ן אויבערשטן דער נותן ליעף כח, און דער אויבערשטער וועט דיר שוין געבן כח.

## המבדיל בין ישראל לעמים

מ'דארף וויסן אז אן סייעתא דשמיא קען מען גארנישט. ס'איז ידוע ס'איז נישט קיין סוד אז די אנטיסעמיטיזם היינט פארשפרייט זיך אויפ'ן וועלט, אונז זענען אנגעוויזן אויף גרויס סייעתא דשמיא, אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים (לשון המשנה סוטה מט.), די גמרא זאגט שוין (שבת פט.) מאי הר סיני שירדה שנאה לאומות העולם, און דאס קומט אונז צו לערנען אז מ'דארף זיין אפגעטיילט פון די אומות העולם, וואס דערפאר איז דא א שנאה כדי מ'זאל נישט האבן קיין שייכות מיט קיין שום גוי'אישקייט.

כ'וועל נישט אויסרעכענען צופיל דוגמאות, אבער מ'דארף וויסן אז יעדע קלייניגקייט וואס קען ברענגען א קאלטקייט טויג נישט.

צדיקים האבן געזאגט אז דייטשלאנד איז חרוב געגאנגען וועגן מילכיגע סעודת ברית'ן; וועגן מילכיגע סעודת ברית'ן איז דייטשלאנד חרוב געגאנגען? יא! וויל יעדע קלייניגקייט מאכט אויס.

כ'וועל זאגן א משל, ס'קומען יעצט די זומער טעג און מ'פארט ארויס צו די בערג, דארף מען דאך האבן געוואלדיגע זהירות וואו מ'גייט, און אז מ'קומט אויף א פלאץ און מ'זאגט "וואס איז שוין אז שלש סעודות איז א וועטשערע?" טויג דאס נישט. שלש סעודות איז א זמן וואס מ'דארף קומען


מעומק הלב נאחל ברכת מזל טוב להאי איש היקר, אשר נשא לבו לעמוד לימין אנ"ש בעת שמחתם, מקבל כל אדם בסבר פנים יפות, הולך תמים ופועל צדק, משובח ומפואר בכל מעלות ומדות טובות, ה"ה

**מוה"ר אברהם יהושע וועבער הי"ו וב"ב החשובה תחי'**

לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב עם החתן המופלג ישראל יצחק קאלמאן ני"ו ממצויני תלמידי ישיבתנו הק' מתיבתא קרית פאפא בן הר"ר אשר זעליג הי"ו מחשובי אנ"ש

יהי רצון שיזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, מתוך שלוות הנפש והרחבת הדעת, ויתברך בשפע ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו, ויזכה להמשיך עם פעלים וחיילים לתורה וחסידות, עד ביאת ינון גואלנו, ומלכנו בראשנו, במהרה בימינו אמן ואמן.

**המברכים ברגשי גיל והוד:**

**אנ"ש בעיר מאנסי הנהנים מפרי מעשי ידיו**

אין בית המדרש און זיך אנווארעמען, שלש סעודות מיט א ווערטשערע איז צוויי באזונדערע זאכן, ס'גייט נישט צוזאמען.

ס'איז א זמן וואס שטענדיג קומען ארויס נייע מאדע'ס, כ'וויל נישט זיין שארף אבער **הרה"ק רבי מאיר פרימישלאנער זי"ע** האט געזאגט אז א נייע מאדע איז א נייע מחלה ל"ע. צדיקים האבן געזאגט אז 'מאדע' מיינט 'מודה בעבודה זרה', מ'גייט נאך מיט דער גוי.

כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל שרייבט אויף א פלאץ (הקדמה לספה"ק ויגד יעקב דברים) הבעל דבר לוקח לו עצה לערב זיהרא דיליה גם בחסידות, און דער טאטע ז"ל רעדט דארט פון די וואס שמועסן אין מקוה וכדומה. דאס זעלבע איז נוגע צו די אלע מאדע'ס וואס דער יצר הרע מישט זיך אריין אין די חסיד'ישע מלבושים אריינצוברענגען זיין זיהרא.

ס'קומען ארויס יעדן טאג נייע מאדע'ס פון בעקיטשע'ס, און נייע מאדע'ס פון שטריימלעך, און אזוי אויך מלבושים פון די קינדער.

אז איינער וועט פרעגן "וואס וועט שוין זיין מיט די קליינקייט?" זאג איך נאכאמאל: דייטשלאנד איז חרוב געגאנגען וועגן מילכיגע סעודת ברית'ן! פון איין קליינקייט וואס ברענגט א קאלטקייט אין אידישקייט, א קאלטקייט אין מנהגי ישראל!

כ"ק מרן מבעלזא זי"ע האט געזאגט נאכ'ן קריג, "ברוך ה' אז אונז האבן נישט פארפעלט קיין שום מנהג ישראל, כ'האב געהאט יעדן שבת קוגל", זענען מיר דען משיג וואס דאס מיינט?! דער רב ז"ל איז דורכגעגאנגען פינף ביטערע גלות יארן ביים קריג און ער האט געזאגט אז ער האט יעדע וואך געהאט קוגל!

וועט איינער קומען זאגן, "קוגל? וואס איז שוין אזוי געפערליך אז מ'האט נישט קיין קוגל?" אבער דאס איז די חשיבות פון יעדע מנהג ישראל.

דאס קען מען פארשטיין בדרך משל, טאמער א דאקטער וועט זאגן פאר איינעם אז ער זאל נישט עסן א געוויסע מאכל ווייל ס'איז נישט געזונט, וועט דער מענטש זיך היטן פון דעם


# קהל קהלת יעקב פאפא

נתייסדה ע"י כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק זצוק"ל • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

654 Bedford Avenue, Brooklyn NY 11249 • 718-624-6598

Mailing Address: 130 Lee Ave. Suite #291, Brooklyn NY 11211

ויזרע יצחק בשנה ההוא ויברכהו ה'

ברכת מזלא טבא למעלת כבוד ידידנו וידיד כל בית פאפא, איש האשכולות ורב הפעלים, נחמד ונעים, לו נאה ויאה כל שבח ותהלה, עוסק לילות כימים בכל לב ונפש למען כבוד חצרות קדשנו, מעביר שנה מעיניו ותנומה מעפעפיו למען כל הקודש לנו, ה"ה

העסקן הדגול הר"ר **לוי יצחק לעבאוויטש**

הי"ו משמש נאמן דביהמ"ד הגדול

לרגל נישואי בתו למזל טוב בשעטו"מ עם החתן החשוב חיים ישראל דייטש ני"ו מבחירי תלמידי ישיבתנו הק' מתיבתא קרית פאפא בן העסקן הדגול הר"ר מרדכי דייטש הי"ו

**ובהאי שעתא יזכר לטובה מעשי תקפו וגבורתו ופרשת גדולתו, הוא הגבר אשר משמש כדוגמא אישית לידע ולהודיע מה זה "איש נאמן למען בית פאפא", ולא נח ולא ישקוט לילות כימים למען חצרות קדשנו, אשרי לו ואשרי חלקו!**

ברכת מזל טוב לכבוד אביו הרה"ח ר' **אהרן עקיבא לעבאוויטש** הי"ו,
ולכבוד מחותנו הרה"ח ר' **משה שמואל דייטש** הי"ו

יהי רצון שיזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, מתוך שלוות הנפש והרחבת הדעת, ויתברך בשפע ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו, ויזכה להמשיך פעלים וחיילים לתורה וחסידות, עד ביאת ינון גואלנו, ומלכנו בראשנו, במהרה בימינו אמן ואמן.

**המברכים ברגשי גיל והוד:** חברי הנהלת הקהלה, בשם אלפי אנ"ש ברחבי תבל

מאכל, ער וועט נישט זאגן, "ס'איז נישט געפערליך, איך קען דאס עסן, נאר זאכן וואס זענען סם המות ממש וועל איך נישט עסן"... ווייל פון יעדע זאך וואס מאכט קאליע דארף מען זיך היטן.

## קיום עם ישראל למעלה מהטבע

מ'דארף וויסן אז דער קיום און עקזיסטענץ פון כלל ישראל איז למעלה מדרך הטבע, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, סיי אז אונז זענען כשה אחת בין שבעים זאבים, און מ'קען זיך נישט פארלאזן אויף די אומות העולם, און סיי די מוסדות וואס מ'האט אויפגעשטעלט וואס האבן במשך די יארן אפגעקאסט אזויפיל מיליאנען דאללארן, וואס דער חשבון וויאזוי מ'האלט דאס אויס שטימט נישט בדרך הטבע, דאס זענען זיכער העכערע כוחות.

אזוי אויך ברוחניות, די אלע געוואלדיגע כוחות וואס מ'לייגט אריין אין די מוסדות, דארף מען מכיר טובה זיין פאר די וואס טוען דאס. אזוי אויך דארף מען מכיר זיין די הנהלת ביהמ"ד פון אלע שטיבלעך אין אלע שטעט, מאנסי, ב"פ, און אזוי ווייטער.

מ'זאגט ביים מי שברך, וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם וכו' וירפא לכל גופם, לכאורה ווי קומט דא אריין וירפא לכל גופם, קען זיין בדרך צחות אז ער הערט אזויפיל קריטיק ביז איבערן קאפ, ביז ער ווערט קראנק דערפון און ער דארף שוין טאקע א רפואה...

מ'דארף געבן א קאמפלימענט און חיזוק סיי פאר די ראשי קהלה, הנהלת הכולל, הנהלת התלמוד תורה, הנהלת הבנות, און אזוי ווייטער, קריטיק באקומט מען גענוג און נאך, דארף מען געבן אביסל גוטע ווערטער אויך.

## במעלת מחנות הקיץ

אזוי אויך דארף מען דערמאנען דא די קעמפ, וואס מ'האט וואוקגעשטעלט א מקום וואו די קינדער זאלן שפילן ווי עס דארף צו זיין.

דער **וויזניצער רבי כ"ק האדמו"ר האמרי חיים זצ"ל** האט דאך דאס געזאגט אמאל חנוכה בשעת דער שמש פון בית המדרש האט געצינדן די חנוכה-לעכט, וואס ס'איז דאך דא מקומות וואס מ'ווארפט האנטוכער אויפ'ן שמש, און דער וויזניצער רבי איז געשטאנען דארט און צוגעקוקט מיט א שמייכל און מיט גרויס הנאה ווי מ'ווארפט האנטוכער... איז איינער געווען נייגעריג און געפרעגט, "פארוואס שמייכלט דער רבי?" האט דער וויזניצער רבי געזאגט, "איך האב גרויס הנאה, ווען זיי בורדענען, זאלן זיי ביי 'מיר' בורדענען"...

ביים **גורער רבי כ"ק האדמו"ר הבית ישראל זצ"ל** איז געווען אן אינטערעסאנטע זאך, ערב יום כיפור איז ער געווען גאנץ

בשמחה רבה ובכבוד הראוי שלוחות בזה ברכותינו הנאמנים אל מול מעלת כבוד ידידנו עוז, איש האשכולות, איש חי ורב פעלים, יקר רוח ולב טוב, העושה ומעשה בכל לב ונפש לכל קדשי בית חיינו במסירות רבה ונאמנה, רץ כצבי לעשות רצון אבינו שבשמים, ולדלות ולהשקות אלפי צמאי חסידי פאפא ממקור באר מים חיים, ראש וראשון לכל הקודש לנו, כי לו נאה ויאה כל שבח ותהלה, שמו הטוב נודע בשערים, ה"ה

העסקן הנמרץ לכל קדשי בית פאפא

הר"ר **הילל שאלאמאן** הי"ו

**משים כל כוחו ואונו למען שיגשוג ופריחת ישיבת בין הזמנים**

לרגל נישואי בנו החתן המופלג אשר אנשיל הי"ו ממצוייני תלמידי מתיבתא קרית פאפא ועושה ומעשה בכל לב ונפש למען ישיבת בין הזמנים

**עם בת הרב אביגדור יואל גאמבא שליט"א מגי"ש בישיבתנו הק' מתיבתא קרית פאפא המשים לילות כימים למען הצלחת ישיבת בין הזמנים**

נשא לבבינו אל כפים, שיזכו כולם לכל הברכות האמורות בתורה, ויזכו להמשיך בעבודת הקודש ברוב אונים ואמיץ כח, ויזכו לרוב תענוג ונחת מכל יו"ח, ויתקיים בהם מקרא שכתוב וראה בנים לבניך שלום על ישראל, עדי נזכה לעלות לציון ברנה, עם מלכנו בראשנו אמן.

**המברך בלב מלא הכרה:** הנהלת ישיבת בין הזמנים

בדיחא דעתיה, אבער פורים איז ער געווען אנגעצויגן, האט אים איינער געפרעגט, "מאי שנא? איך פארשטיי נישט וואס ס'גייט דא פאר"... האט דער גורער רבי געזאגט אזוי, "ערב יום כיפור האב איך נישט מורא וואו מיינע בחורים דרייען זיך, פורים האב איך אבער מורא וואו זיי זענען, און וואו זיי דרייען זיך"...

דאס איז דער ענין פון די קעמפ, אז מ'דארף אויסלערנען פאר די קינדער וויאזוי צו בורדענען, אויף בורדענען דארף מען אויך האבן א חינוך, א אידיש קינד בורדעט אנדערש ווי א גוי בורדעט.

אויף דעם אלעם דארף מען האבן אסאך חיזוק און כוחות, און פארשטייט זיך אז אן סייעתא דשמיא קען מען גארנישט, און אן די כוחות פון די אבות קען מען גארנישט, און אויף דעם דארף מען האבן עין טובה, מ'זאל שטענדיג קוקן גוטס און נישט זוכן צו קריטיקירן.

## הנחני בדרך אמת

בכלל דארף מען וויסן א איד טאר זיך נישט פאפן, אזוויוי ס'איז ידוע וואס מ'האט געפרעגט פון **הרה"ק רבי ר' בונם מפרשיסחא זי"ע** אז ס'שטייט אין די משנה אין פאה (ח, ט) כל מי שאינו לא חיגר ולא סומא ולא פסח ועושה עצמו כאחד מהם אינו מת מן הזקנה עד שיהיה כאחד מהם, וואס וועט זיין טאמער איינער מאכט זיך ווי א רבי ווי א צדיק, צי ס'איז אויך שייך צו זאגן אז אינו מת מן הזקנה עד שיהיה כאחד מהם.

האט ער דערציילט אז ס'איז געווען אמאל א בישאף וואס איז געגאנגען אויפ'ן וועג און געטראפן א שיכור ליגן אויפ'ן ערד, האט ער געהייסן אז מ'זאל אים אהיימנעמען צו זיך. אין שטוב האט אים דער בישאף אפגעוואשן און אנגעטון א קלייד פון א כומר און אים געלייגט שלאפן. דער בישאף האט אויך געהייסן אז מ'זאל אים לייגן אין שטוב וואס איז אנגעפולט מיט אלע ביכער פון די כומרים, און מ'זאל זיך אויפפירן מיט אים בדרך ארץ אזוויוי ס'פאסט פאר א כומר.

ווען דער שיכור האט זיך אויפגעוועקט איז מען אריינגעקומען צו אים און געזאגט ווי ס'פאסט, "הער כומר, ווילסט עפעס עסן, ווילסט א קאווע", איז ער געווארן אינגאנצן צומישט וואס ס'גייט דא פאר, און ער האט נישט געוואוסט צו ער חלומ'ט אז ער איז א כומר און עכט איז ער א שיכור, אדער איז ער באמת א כומר און ער האט גע'חלומ'ט

אז ער איז א שיכור, און אזוי זענען זיינע מחשבות געלאפן אהין און צוריק.

האט ער זיך מיישב געווען אז די שטוב איז דאך פול מיט כומר'ישע ביכער, וועט ער אריינקוקן אין די ביכער, טאמער וועט ער פארשטיין וואס ס'שטייט אין די ביכער מיינט דאס אז באמת איז ער א כומר און ער האט גע'חלומ'ט אז ער איז א שיכור, אויב אבער ער פארשטייט נישט וואס ס'שטייט אין די ביכער וועט ער וויסן אז באמת איז ער א שיכור נאר ער חלומ'ט זיך אז ער איז א כומר.

ער האט טאקע אזוי געטון און אריינגעקוקט אין די ביכער און ער האט געזען אז ער פארשטייט נישט, האט ער פארשטאנען אז ער איז יעצט אינמיטן א חלום... אבער דא זענען ווידער אריינגעקומען מענטשן און גערעדט צו אים ווי עס פאסט, "הער כומר ווילסט עפעס טועם זיין", איז געווארן 'עודך' כי עניתני... און די מחשבות האבן ווידער אנגעהויבן לויפן אהין און צוריק. ביז ער האט זיך מיישב געווען, "באמת בין איך יא א כומר, איי איך פארשטיי נישט, נו אלע כומרים פארשטייען נישט"...

דאס זעלבע האט ר"ר בונם געזאגט אז איינער וואס מאכט זיך פאר א צדיק אינו מת עד שיהיה כאחד מהם, אז ער וועט האלטן אז אלע רבי'ס האבן אזא פנים... היינט שרייבט מען דאך טיטלען 'הגאון הצדיק הקדוש' א שפע פון טיטלען, אבער מ'שרייבט דאך אויף יעדעם אזוי...

דאס דארף מען וויסן אז א איד טאר זיך נישט פאפן, און לא עליך המלאכה לגמור, מ'דארף טון וואס מ'האט צו טון, ווייל אן סייעתא דשמיא קען מען ממילא גארנישט טון.

## ברכות לרוב

דער אויבערשטער וועט העלפן אז מיט דעם וועט מען מצליח זיין דורכצושווימען דעם ביטערן לאנגן גלות, מיר זאלן זוכה זיין צו ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה, און די זכות פון אונזערע עלטערן זאלן אונז באגלייטן.

אין די זומער וואכן לערנט מען דאך פרקי אבות, איינער פון די טעמים איז ווייל אין די זומער איז דא שטערקערע נסיונות, זאלן מיר זוכה זיין צו ווערן אפגעהיטן פון וואס מ'דארף זיין אפגעהיטן, מ'זאל זוכה זיין שיתקדש שם שמים על ידינו, און צו ישועות כל ישראל ולגאולה שלימה בב"א.

בס"ד

8
נשיק בהעלותך

# הוראות ואזהרות בעניני טעכנעלאגיע

הלכה למעשה הנוגע לכל אחד ואחד

## ווערכנטליכע קטעים מדרשת

הרה"ג **דוד יודא פישער** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

במעמד ובפקודת
כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
במקהלות אלופי אלפי אנ"ש
**אצל האסיפה האדירה "וידעו"**
ג' קדושים תשפ"ד, בביהמ"ד הגדול

## זאל ער מוחל זיין און צושפארן זיין ביזנעס!!!

...כאן המקום מעורר צו זיין די בעלי בתים פון אפיסעס, **ווען א בעה"ב זעהט ביי זיך אין אפיס, אז אפילו נאר איין קאמפיוטער איז נישט געפילטערט**, זאל מען **מוחל זיין צושפארן די ביזנעס, ביז ווילאנג דער קאמפיוטער איז נישט געפילטערט!**

**דאס איז נישט קיין חכמות!** אונז האב מיר אויף דעם הוראות פון גדולי ישראל פונעם פריערדיגן דור אז **ס'איז אן איסור גמור צו צורירן אזא כלי!** און אזוי אויך פון להבחל"ח אלע היינטיגע גדולי ישראל, ובתוכם **רבינו שליט"א**, הערט מען כסדר, אז **א כלי אן א פילטער איז אסור בהחלט!!**

**מען דארף אננעמען אז א ביזנעס וואס די קאמפיוטערס זענען נישט ריכטיג געפילטערט, איז פונקט ווי א ביזנעס וואס ארבעט שבת רח"ל! און אוודאי פון אזא געשעפט וועט קיינמאל נישט ארויסקומען קיין סימן ברכה!**

**אזהרה לבעלי בתים**




מכון וטהר לבנו
דקהל ומוסדות קהלת יעקב פאפא

אייר - סיון תשפ"ה

## א שטאפל ארויף!

# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ״ק מרנן רבותינו הק׳ קמא קמא דמטא לידן

## חייב אדם בכבוד חמיו

### סיפר הגה״ח ר׳ **יצחק דוד הכהן פריעדמאן** ז״ל ראש כוללנו:

**בשנת** תש״ג לפ״ק הגיע לעיר פאפא **הגה״צ רבי יעקב יחזקי׳ מחוסט זצ״ל הי״ד** שהיה בזווג ראשון חותן המלך של **כ״ק מרן זצוק״ל**, והבחנתי שבליל שב״ק בעת עריכת שלחן הטהור נטל מרן ז״ל השיריים מקערת חותנו ונתנו בתוך קערה שלו, ואחר כך חילק שיריים להציבור ממאכלו.

*

## אמירת ויתן לך

### סיפר הרה״ח ר׳ **חיים פסח גאלדשטיין** הי״ו:

**פעם** אחת באמצע אמירת ׳ויתך לך׳ מוצאי שב״ק קודם הבדלה, הבחין **כ״ק מרן זצוק״ל** על איזה כמה בחורים שמשוחחים על דא ועל הא, והוכיחם מרן ז״ל באמרו: ״באמת על פי מנהג וואלט מען ווען געדארפט זאגן ׳ויתן לך׳ נאך הבדלה, נאר היות כ׳האב געזען אז די בחורים זאגן נישט ׳ויתן לך׳ האב איך איינגעפירט אז מ׳זאל זאגן פאר הבדלה, אבער אויב שמועסט מען יעצט האט מען דאך גארנישט אויפגעטון דערמיט״[א].

*

## האדמו״ר מוויזשניץ בפאפא

### סיפר הרה״ח ר׳ **אפרים וועבער** הי״ו:

**כמה** פעמים זכיתי להיות שליח הקודש של **כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א** ליכנס אל **כ״ק האדמו״ר התורת**

---

**א.** ראה מה שכתב הגה״ח ר׳ יצחק דוד הכהן פריעדמאן ז״ל ראה״כ דחסידי פאפא (יד כהן - רשימות אות קעח): נוסח הבדלה של כ״ק אדמו״ר (שליט״א) זצ״ל שאומר כל פסוק בפני עצמו, והקהל עונין אחריו כל פסוק ופסוק, ובשעת ברכת מאורי האש מכבין


# חדש במערכת



חדש: פאר אלע לעצטע רעקארדירונגען, דרוקט 1 דערנאך 0

**חומש סעודה** אין ת"ת לינדען, זונטאג בהעלותך 5 > 7 > 5

**מעמד יציקת הבורות** פאר די נייע מקוה אין שטאט לינדען, זונטאג בהעלותך 5 > 8 > 30

**הרב אהרן ארי' אייזענבערג שליט"א** ביים **אסיפת "חיינו"** פאר בנות חסידי פאפא פון אלע שטעט 4 > 6 > 44

**וועכענטליכער שיעור דורך הרה"צ רבי פינחס חיים שליט"א** רב דקהלתינו מאנסי - פרשת בהעלותך בהל' ריבית 4 > 1 > 2 > 74

**דברי הכנה לשבועות** דורך **הרה"צ רבי משה שליט"א** פאר די ילדי

רוממתנו 4 > 3 > 6 > 27

**סיום מסכת זבחים** במסגרת "והגית" סדר ב' אין שטוב פון ר' יצחק דייטש הי"ו, מאנטאג בהעלותך 5 > 3 > 18

**מעמד "ליל המוסדות"** אין שטאט מאנסי, דינסטאג בהעלותך תשפה 5 > 4 > 21

**לקראת השמחה הגדולה בחצרות קדשינו ד' שלח הבעל"ט:**

**נייע ניגון** לקראת החתונה הגדולה 7 > 3 > 1

**"הליכות בקודש" דורך הרב יוסף לעווי שליט"א**, מנהגי שבת אויפריף ח"א 4 > 1 > 4

מערכת באפא

פאפא

המפעל לתורה וחסידות

קול קהלת יעקב

קו אנ"ש חסידי פאפא

718.480.7872

**מרדכי מוויזשניץ זצ"ל** להזמינו לשמחות בית חיינו, וכן הייתי שליח מהנהלת המוסדות במאנסי להזמינו למסיבות מלוה מלכה לטובת מוסדותינו הק'.

**כמה** פעמים בעת שהייתי אצלו אמר לי בלשונו: "פון יתרו ביז יתרו האב איך געלערנט אין פאפא". פעם אמר לי: "איך האב געלערנט אין פאפא צוועלף חדשים, הגם חודש תשרי בין איך אהיימגעפארן צו מיין טאטן, אבער היות ס'איז געווען אן עיבור יאר איז אויסגעקומען אז כ'האב געלערנט צוועלף חדשים".

**האדמו"ר** מוויזשניץ סיפר לי שבמשך השנה היו מאוכלי שלחנו של **כ"ק מרן זצוק"ל** רק בני משפחת המלוכה ואולי אחד מקרובי משפחת המלוכה, אולם גם הוא זכה להיות מאוכלי שלחנו אצל מרן ז"ל, ואמר לי בלשונו: "היות ס'איז געווען גרויס דחקות אין שטוב, האב איך צושטייער געגעבן, נישט פאר'ן רבי'ן, נאר פאר די רביצין", כי בביתו של מרן ז"ל שרה דחקות גדולה ולא היה שם רק בצימצום לבני הבית, על כן ביקש מהרבנית הצדיקת ע"ה [מזוו"ר] על ידי שליח שיבשל גם עבורו והוא ישלם לה ההוצאות.

**עוד** סיפר לי האדמו"ר מוויזשניץ שכשהיה אז בפאפא אצל הרצאת השיעור של מרן ז"ל, שמע מפה קדשו איזה חידוש בשמעתתא אשר עד עתה לא מבין הענין. ושמעתי מפי **הרה"ח ר' זושא פריעדמאן הי"ו** שפעם כאשר ביקר האדמו"ר מוויזשניץ אצל להבחל"ח כ"ק מרן שליט"א, חזר האדמו"ר מוויזשניץ על החידוש ששמע אז ממרן ז"ל בעת הרצאת השיעור

העלעקטער, ומנהגו לומר ויתן לך קודם הבדלה, ופעם אחת אמר שאף שעל פי האר"י הקדוש אומרים אותו לאחר הבדלה, אמנם רצונו שיאמרו גם הבחורים על כן אומר אותו קודם הבדלה.

שעד עתה לא מבין, וביקש ממרן שליט"א שיפרש לו הדבר.

*

**ונפשי כעפר לכל תהיה**

## סיפר הרה"ח ר' **שמואל חיים ליפשיץ** ז"ל:

**היה** פעם בישיבה שהבחורים המבוגרים התחמקו עצמם מהבחינה השבועי, משמשע **כ"ק מרן זצוק"ל** אודות זה קרא מרן ז"ל להבחורים שהתחמקו עצמם ואמר להם: "ממה נפשך! אויב עטץ קענטס, דאן פארוואס זאלן ענק זיך נישט פארהערן, און טאמער עטץ קענטס נישט, דארף מען ענק טאקע פארהערן"...

**והמשיך** מרן ז"ל ואמר: "און טאמער ס'פאסט ענק נישט זיך צו שטעלן צום פארהער, וועל איך ענק דערציילן עפעס".

**מרן** ז"ל סיפר להם שבסטרעליסק היה נהוג שכשהגיע חסיד חדש להסתופף בצל **הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק זי"ע** ורצה להצטרף להחברייא הק', ניסו אותו מתחלה אם הוא ראוי להיות חסיד סטרעליסק, או אם הוא סובל ממחלת הגיאות... ולכן שלחו אותו מתחלה אל הבאר לשאוב מים, אם הלך לשאוב מים, הפסיקו אותו תיכף ומיד ואמרו לו: "מ'האט נישט געמיינט די וואסער, מיר האבן אייך נאר געוואלט אויספראבירן, צי איר זענט טאקע משלנו"... אבל אם לא היה לפי כבודו ולא רצה לילך אל הבאר לשאוב מים, "האט מען אים באלד געוויזן די טיר".

*

מבקשים אנו מאנ"ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרנן רבותינו הק' ויבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי"ו על הקו המיוחד 5548-450(646)


עלוני בקודש פנימה

**כל הזכיות שמורות ל'מערכת פאפא'**

**718.480.7872**

להערות והארות, אפשר להשאיר הודעה בקו המערכת **כפתור 9 > 0**

מערכת פאפא
המפעל לתורה וחסידות

**אריינצולייגן אייער מודעה אדער 'מזל טוב' פארבינדט אייך אויף:**
**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג